# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.......................4:11
מוצאי שב"ק.......................5:41

**שיעורים כסדרן**
נ"ך........דברי הימים-ב י"א-י"ב
בבלי.......................פסחים כ"א
ירושלמי..............מועד קטן ט'
תוספתא..................שבועות ה'
רמב"ם.........שביתת יום טוב ז'


פרשת וישלח, שבת חנוכה, כ"ו כסלו, מברכים חודש טבת, שנת תשפ"א לפ"ק
שנה 10, גליון 12 (477)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וַיְהִי ה' אֶת יוֹסֵף וַיְהִי אִישׁ מַצְלִיחַ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גֶעוֶוען מִיט יוֹסֵף, אוּן עֶר הָאט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה פּ"ו, ה') אוֹיף דֶעם פָּסוּק אַז יוֹסֵף אִיז גֶעוֶוען "גְּבַר קַפּוּז", אַ פְרֵיילִיכֶער אוּן טַאנְצֶעדִיגֶער מֶענְטְשׁ, עֶר אִיז אַלֶעמָאל גֶעוֶוען אוֹיפְגֶעלֵייגְט אוּן פְרֵיילִיךְ, אוּן גֶעטַאנְצְן פַאר שִׂמְחָה.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן כ"ד) "מִצְוָה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד", ס'אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ אַלֶעמָאל, אוּן דֶער רֶבִּי אִיז דָארְט מַאֲרִיךְ אַז אַלֶע קְרֶענְק קוּמֶען נָאר וַוייל אַ מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ אַלֶעמָאל, וֶוערְט עֶר אוֹיסְגֶעהֵיילְט פוּן אַלֶע קְרֶענְק. וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט זַיין אַזַא גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה, אוּן מִיט דֶעם וֶועלְן אַלֶע וֶוערְן אוֹיסְגֶעהֵיילְט פוּן אַלֶע קְרֶענְק אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען.

יֶעדֶער מֶענְטְשׁ גֵייט דוּרְךְ שְׁוֶוערִיקֵייטְן אוּן צָרוֹת אִין לֶעבְּן, צִי מְ'ווִיל יָא צִי נִישְׁט אִיז דָאס דֶער פַאקְט אַז קֵיינֶער לֶעקְט נִישְׁט קַיין הָאנִיג אוֹיף דֶער וֶועלְט, יֶעדֶער הָאט זִיךְ זַיין פֶּעקְל צָרוֹת, אוּן דֶערִיבֶּער אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער פַאר אַ מֶענְטְשׁ צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ. דֶער מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ אָבֶּער שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת יָא זִיךְ צוּ הַאלְטְן פְרֵיילִיךְ, אֲפִילוּ וֶוען סְ'קוּמְט אָן שְׁוֶוער.

דָאס וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט אוּנְז אָן צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אִיז נִישְׁט בְּלוֹיז אַ גוּטֶע עֵצָה אִין לֶעבְּן, נָאר דָאס אִיז מַמָּשׁ לֶעבְּנְסְווִיכְטִיג, אָן דֶעם קֶען אַ מֶענְטְשׁ נִישְׁט אָנְגֵיין, נִישְׁט בְּרוּחָנִיּוּת אוּן נִישְׁט בְּגַשְׁמִיּוּת. ווִי נָאר אַ מֶענְטְשׁ פַאלְט אַרַיין אִין עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, עֶר וֶוערְט דֶעפְּרֶעסְט אוּן נָאכְגֶעלָאזְט, קֶען דָאס אִים זֵייעֶר שְׁנֶעל בְּרֶענְגֶען צוּ אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן. מִיט דֶעם וָואס אַ אִיד הַאלְט זִיךְ פְרֵיילִיךְ אוּן גוּטְמוּטִיג, וֶוערְט עֶר אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, אוּן עֶר הָאט דִי כּוֹחוֹת אוֹיפְצוּטוּן אוּן מַצְלִיחַ צוּ זַיין אִין יֶעדְן הִינְזִיכְט אִין לֶעבְּן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קס"ט), "וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ, הִיט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין אָפּ פוּן עֲבֵירוֹת". נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת שִׂמְחָה חֵלֶק ב', סִימָן א') "מִי שֶׁהוּא שָׂמֵחַ תָּמִיד, עַל יְדֵי זֶה הוּא מַצְלִיחַ", וֶוער ס'אִיז פְרֵיילִיךְ אַלֶעמָאל, דוּרְךְ דֶעם אִיז עֶר מַצְלִיחַ.

יוֹסֵף הַצַּדִּיק אִיז אַרִיבֶּער גָאר אַסַאךְ שְׁוועֶרִיקַייטְן אוּן צָרוֹת, זַיינֶע בְּרִידֶער הָאבְּן אִים פַּיינְט גֶעהַאט אוּן אִים גֶעוָואלְט הַרְגֶ'ענֶען, מְ'הָאט אִים פַארְקוֹיפְט פַאר אַ קְנֶעכְט, עֶר הָאט גֶעדַארְפְט בַּאדִינֶען דֶעם טָמֵא'נֶעם מִצְרִי פּוֹטִיפַר אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט דָארְט שְׁוֶועֶרֶע נִסְיוֹנוֹת, מְ'הָאט גֶעמַאכְט אוֹיף אִים פַאלְשֶׁע בִּלְבּוּלִים אוּן אִים אַרַיינְגֶעשְׁלֵייְדֶערְט אִין טוּרְמֶע, אָבֶּער טְרָאץ דִי אַלֶע צָרוֹת הָאט עֶר זִיךְ גֶעהַאלְטְן פֶעלְזְן פֶּעסְט אוּן זִיךְ נִישְׁט גֶעלָאזְט צֶעבְּרֶעכְן, אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר הָאט זִיךְ גֶעהַאלְטְן פְרֵיילִיךְ אַלֶעמָאל, טְרָאץ דִי אִיבֶּערְגֶענוּג סִיבּוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט צוּ זַיין טְרוֹיעֶרִיג, הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶעשְׁטְרֶענְגְט צוּ זַיין אַלֶץ גוּטְמוּטִיג אוּן פְרֵיילִיךְ, אוּן דָאס הָאט אִים אָפְּגֶעהִיטְן אוּן דֶערְהַאלְטְן.

שְׁטֶעלְט זִיךְ אָבֶּער דִי פְרַאגֶע ווִי אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ דֶעם, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט דוּרְךְ בִּיטֶערֶע צַייטְן אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ. דֶער תֵּירוּץ אוֹיף דֶעם גֶעפִינֶען מִיר טַאקֶע בַּיי יוֹסֵף הַצַּדִּיק, עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנְחוּמָא וַיֵּשֶׁב ח') אוֹיפְ'ן פָּסוּק וַיַּרְא אֲדֹנָיו כִּי ה' אִתּוֹ, פּוֹטִיפַר הָאט גֶעזֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט יוֹסֵף, פְרֶעגְן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה, "דֶער רָשָׁע פּוֹטִיפַר הָאט דֶען גֶעזֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן?! ווִי אַזוֹי הָאט עֶר גֶעווּאוּסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט יוֹסֵף?", נָאר יוֹסֵף הָאט אַלְץ גֶעבֶּעטְן שְׁטִילֶערְהֵייט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעדַארְפְט, וֶוען עֶר אִיז אַרַיין צוּ פּוֹטִיפַר אִים צוּ בַּאדִינֶען הָאט עֶר גֶעמוּרְמְלְט אַ תְּפִלָּה צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, נָאר דוּ קֶענְסְט מִיר הֶעלְפְן, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל גֶעפִינֶען חֵן אִין דִי אוֹיגְן פוּן יֶעדְן, אוּן אִין דִי אוֹיגְן פוּן מַיין הַאר פּוֹטִיפַר", אוּן וֶוען פּוֹטִיפַר הָאט גֶעזֶען ווִי יוֹסֵף מוּרְמְלְט עֶפֶּעס שְׁטִיל, הָאט עֶר אִים פָארְגֶעהַאלְטְן וָואס עֶר טוּט, "וָואס זָאגְסְטוּ דָארְט שְׁטִילֶערְהֵייט? דוּ מַאכְסְט כִּישׁוּף אוֹיף מִיר?", הָאט יוֹסֵף גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז עֶר מַאכְט נִישְׁט קַיין כִּישׁוּף חַס וְשָׁלוֹם, עֶר בֶּעט נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן פוּן דֶעם הָאט פּוֹטִיפַר פַארְשְׁטַאנֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט יוֹסֵף.

וֶוען אַ אִיד רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בַּאקוּמְט עֶר אַ קְלָארֶע אֱמוּנָה, עֶר שְׁפִּירְט אַז עֶר אִיז נִישְׁט אַלֵיין, עֶר אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְלוֹירְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַלְץ מִיט אִים, אוּן דָאס בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין אִים אַ גֶעוַואלְדִיגֶע שִׂמְחָה, עֶר זָאל קֶענֶען זַיין פְרֵיילִיךְ אֲפִילוּ וֶוען זַאכְן גֵייעֶן נִישְׁט אַזוֹי ווִי עֶר ווִיל.

>>>>>>

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### אַ פְרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה

מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט אִין דִי הֵיילִיגֶע אוּן פְרֵיילִיכֶע טֶעג פוּן חֲנוּכָּה, וֶוען דִי הֵיילִיגֶע חַשְׁמוֹנָאִים הָאבְּן בַּאזִיגְט דִי שְׁלֶעכְטֶע יְוָנִים, אוּן צוּרִיק גֶעשְׁטֶעלְט דֶעם הֵיילִיגְן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אוּן אוֹיפְגֶעלָאכְטְן דִי אוֹיגְן פוּן דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

חַזַ"ל זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה ב, ד) אַז דִי יְוָנִים הָאבְּן פַארְטוּנְקְלְט דִי אוֹיגְן פוּן דִי אִידְן מִיט זֵייעֶרֶע שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירוֹת, זֵיי הָאבְּן בַּאפוֹילְן אַז מֶען מוּז אוֹיפְשְׁרַייבְּן אוֹיף דִי הֶערְנֶער פוּן דִי אָקְסְן אַז מֶען הָאט חַ"ו נִישְׁט קַיין חֵלֶק מִיטְ'ן הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער. לָאמִיר נָאר אַרַיינְטְרַאכְטְן, פַארְוָואס רוּפְן עֶס דִי הֵיילִיגֶע חַזַ"ל "פַארְטוּנְקְלְט דִי אוֹיגְן"?

נָאר דֶער אֱמֶת אִיז אַז אַ מֶענְטְשׁ קֶען נִישְׁט זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן אוֹיפְגֶעלֵייגְט נָאר אוֹיבּ עֶר הָאט אֱמוּנָה, עֶר גְלֵייבְּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט אַלֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט. יֶעדֶער מֶענְטְשׁ גֵייט דוּרְךְ יֶעדְן טָאג צָרוֹת אוּן שְׁוֶוערִיקֵייטְן, קֵיינֶער קֶען זִיךְ נִישְׁט אַרוֹיסְדְרֵייעֶן פוּן דֶעם, אֵייבִּיג אִיז דָא זַאכְן אִין אַ מֶענְטְשׁ'ס לֶעבְּן, וֶועלְכֶע גֵייעֶן נִישְׁט אַזוֹי ווִי עֶר הָאט גֶעוָואלְט, אַמָאל מֶער אוּן אַמָאל וֶוייִנִיגֶער.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט נִישְׁט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן,

>>>>>>

## א גוט ווארט

מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן וֶוען מֶען רֶעדְט צוּ עֶלְטֶערְן נִישְׁט צוּ רֶעדְן מִיט חוּצְפָּה. וֶוען עֶלְטֶערְן הָאבְּן טַעֲנוֹת וְכוּ'; זֵיי שְׁרֵייעֶן אוּן פַארְפִירְן, דַארְף מֶען בְּלַייבְּן שְׁטִיל, מֶען דַארְף שְׁטֵיין מִיט גְרוֹיס דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן הַכְנָעָה, אוֹיסְהֶערְן וָואס זֵיי הָאבְּן צוּ זָאגְן אוּן חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן, מֶען דַארְף ווִיסְן אַז אוֹיבּ מֶען עֶנְטְפֶערְט אִיז דָאס חוּצְפָּה אֲפִילוּ וֶוען מֶען אִיז גֶערֶעכְט.

דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ אַייךְ זֵייעֶר, פוּן הַיינְט אוּן וַוייטֶער זָאלְט אִיר קֵיינְמָאל נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן אֵייעֶר טַאטֶע מַאמֶע וֶוען זֵיי גֶעבְּן אַייךְ מוּסָר וְכוּ'; אִיר זָאלְט אוֹיסְהֶערְן מִיט הַכְנָעָה אוּן זֵיי מְכַבֵּד זַיין. עֶלְטֶערְן מֶעגְן זָאגְן פַאר דִי קִינְדֶער וָואס זֵיי הָאבְּן צוּ זָאגְן, מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף וֶוען אִיר וֶועט חַתוּנָה הָאבְּן אוּן הָאבְּן קִינְדֶער וֶועט אִיר אוֹיךְ זָאגְן פַאר אַייעֶרֶע קִינְדֶער מוּסָר וְכוּ'; ווִי אַזוֹי וֶועט אַייךְ שְׁמֶעקְן וֶוען אֵייעֶר קִינְד וֶועט עֶפֶּענֶען אַ מוֹיל אוֹיף אַייךְ? ווִי אַזוֹי וֶועט אִיר דָאס נֶעמֶען וֶוען אֵייעֶר קִינְד וֶועט הַאלְטְן אַנְדֶערְשׁ פוּן וָואס אִיר זָאגְט?

אַז מֶען הָאט מְצַעֶר גֶעוֶוען דִי עֶלְטֶערְן דַארְף מֶען זֵיי אִיבֶּער בֶּעטְן; מֶען דַארְף נִישְׁט וַוארְטְן אוֹיף יוֹם כִּיפּוּר אִיבֶּער צוּ בֶּעטְן עֶלְטֶערְן, אוֹיבּ מֶען וֵוייסְט בַּיי זִיךְ אַז מֶען הָאט זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְגֶעפִירְט מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ צוּ דִי עֶלְטֶערְן דַארְף מֶען זֵיי גְלַייךְ אִיבֶּער בֶּעטְן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה נִצָּבִים תשע"ט)

# בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## וְוִישׁ זִיךְ אָפּ מִיט דֶעם

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ"א כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער זוּן הָרַב הַגָּאוֹן ... נֵרוֹ יָאִיר.

שְׁטַארְק זִיךְ אִין דַיין עֲבוֹדַת הַקּוֹדֶשׁ, נוּץ אוֹיס דַיינֶע טֶעג יֶעצְט פַאר דַיין חֲתוּנָה מִיט תּוֹרָה, עֲבוֹדָה אוּן גְמִילוּת חֲסָדִים.

קוּם צַייטְלִיךְ אִין כּוֹלֵל לֶערְנֶען הֲלָכָה; דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז זֵייעֶר אָנְגֶעזָאגְט מִיר זָאלְן לֶערְנֶען הֲלָכָה (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כט). אוֹיךְ זָאלְסְטוּ אָנְגֵיין מִיטְ'ן פָארְלֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דֶעם בְּלַאט גְמָרָא פַאר תַּלְמִידִים, תּוֹרָה וָואס מֶען לֶערְנְט מִיט תַּלְמִידִים אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּעֲנִית ז.): "וּמִתַּלְמִידַי יוֹתֵר מִכֻּלָּם", וָוען מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה מִיט תַּלְמִידִים וֶוערְט דָאס זֵייעֶר שְׁטַארְק אַיינְגֶעקְרִיצְט אִינֶעם מֶענְטְשׁ.

פַארְנַאכְטְס זָאלְסְטוּ גֵיין הֲפָצָה - דָאס אִיז גְמִילוּת חֲסָדִים; גֵיי פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים, קוּנְטְרֵסִים אוּן גִּלְיוֹנוֹת פַאר אַנְדֶערֶע, דָאס אִיז אוּנְזֶער תִּיקּוּן, דָאס וַואשְׁט אָפּ אַלֶע פְּגָמִים. וֶוער נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן וָוען מֶען שְׁרֵייט אוֹיף דִיר: "גֵיי וְוִישׁ זִיךְ אָפּ מִיט דִי גִּלְיוֹנוֹת!!" "וְוִישׁ זִיךְ אָפּ מִיט דִי סְפָרִים!!" וֶוער נִישְׁט שְׁוַואךְ פוּן דֶעם; טְרַאכְט צוּ זִיךְ: 'דָאס טוּ אִיךְ דָאךְ! דָאס דַארְף אִיךְ דָאךְ! אִיךְ דַארְף זִיךְ אָפְּוַואשְׁן אוּן זִיךְ אָפְּזוּיבֶּערְן פוּן אַלֶע מַיינֶע עֲבֵירוֹת; הֲפָצָה וַואשְׁט מִיךְ אָפּ, הֲפָצָה וְוִישְׁט מִיךְ אָפּ'.

עֶס אִיז דָא צַייט פַאר אַלֶעס; אַז מֶען הִיט דִי צַייט אִיז דָא צַייט פַאר דַאוֶונֶען, פַאר לֶערְנֶען הֲלָכָה אוּן גְמָרָא, פַאר דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן אוּן פַאר הֲפָצָה.

## חֲנוּכָּה, אַ יוֹם טוֹב מִיט דִי קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ"א כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר.

מִיר קוּמֶען נֶענְטֶער צוּם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב חֲנוּכָּה; חֲנוּכָּה אִיז אַ צַייט פוּן חִינוּךְ, טוּן דָאס פַארְקֶערְטֶע וָואס דִי יְוָנִים הָאבְּן גֶעוָואלְט טוּן - אוֹיסְרַייסְן דִי אֱמוּנָה; דַארְפְן מִיר אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אֱמוּנָה אִין אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער.

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מַקְפִּיד גֶעוֶוען מֶען זָאל נִישְׁט אַוֶועקְפָארְן חֲנוּכָּה קַיין אוּמַאן וָוען מֶען הָאט קְלֵיינֶע קִינְדֶער, וַוייל קִינְדֶער דַארְפְן בַּאקוּמֶען אַ חִינוּךְ, זֶען וִוי דִי טַאטֶע צִינְדְט אָן דִי מְנוֹרָה.

זֶע אַוֶועקְצוּלֵייגְן אַלֶע דַיינֶע בַּאשֶׁעפְטִיגוּנְגֶען, זָאלְסְט זַיין צַייטְלִיךְ אִין שְׁטוּבּ אָנְצוּצִינְדְן דִי מְנוֹרָה בַּיים זְמַן מִיט דַיינֶע קִינְדֶער. וַואשׁ זִיךְ דִי הֶענְט פַארְ'ן צִינְדְן אוּן וַואשׁ דִי הֶענְט פוּן דִי קִינְדֶער, גְרֵייט אָן אַ מְנוֹרָה פַאר יֶעדְן קִינְד; מֵיידְלֶעךְ צִינְדְן נִישְׁט, נָאר אִינְגְלֶעךְ (קְלֵיינֶע מֵיידְלֶעךְ קֶענֶען צִינְדְן). טוּ זִיךְ אָן אַ שְׁטְרַיימְל אוּן בֶּעקִיטְשֶׁע, זִינְג דִי זְמִירוֹת אוּן זַיי זִיךְ מִתְבּוֹדֵד. טַאנְץ מִיט דַיינֶע קִינְדֶער לְהוֹדוֹת וּלְהַלֵּל לְשִׁמְךָ הַגָּדוֹל, עַל נִסֶּיךָ וְעַל נִפְלְאוֹתֶיךָ וְעַל יְשׁוּעָתֶךָ.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיֵּשֶׁב תשפ"א)

>>>>>>

אוֹיךְ הָאט יוֹסֵף הַצַּדִּיק גֶעלֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת, וִוי דֶער בַּעַל הַטּוּרִים שְׁרַייבְּט אוֹיפְ'ן פָּסוּק כִּי בֶן זְקֻנִים הוּא לוֹ, דָאס וָוארְט "זְקֻנִים" אִיז נוֹטָרִיקוֹן "זְרָעִים קָדָשִׁים נָשִׁים יְשׁוּעוֹת מוֹעֵד". וֶוען אַ אִיד לֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת וֶוערְט עֶר אַ פְרֵייליכֶער מֶענְטְשׁ, וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סַנְהֶדְרִין ק:) "וְטוֹב לֵב מִשְׁתֶּה תָמִיד, אֵלּוּ בַּעֲלֵי מִשְׁנָה".

וֶוען אַ אִיד אִיז אֱמֶת'דִיג פְרֵיילִיךְ, גִיסְט זִיךְ דָאס אוֹיךְ אַרִיבֶּער אוֹיף אַנְדֶערֶע אַרוּם אִים, עֶר מַאכְט פְרֵיילִיךְ יֶעדְן וָואס שְׁטֵייט נֶעבְּן אִים. דָאס זֶעט מֶען בַּיי יוֹסֵף הַצַּדִּיק אַז וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶען וִוי דֶער שַׂר הַמַּשְׁקִים אוּן דֶער שַׂר הָאוֹפִים זֶענֶען טְרוֹיעֶרִיג, וַיַּרְא אֹתָם וְהִנָּם זֹעֲפִים, הָאט עֶר עֶס נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיסְהַאלְטְן, עֶר הָאט זֵיי גֶעפְרֶעגְט פַארְוָואס זֵיי זֶענֶען נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, אוּן עֶר הָאט פְּרוּבִּירְט זֵיי פְרֵיילִיךְ צוּ מַאכְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן אַלֶעמָאל זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן אוֹיךְ פְרֵיילִיךְ מַאכְן אַנְדֶערֶע, אוּן זִיךְ דְרֵייעֶן בַּיי אֱמֶת'עֶ צַדִּיקִים וָואס זָאלְן אוּנְז פְרֵיילִיךְ מַאכְן, אוּן דָאס וֶועט אוּנְז בְּרֶענְגֶען אַלֶע גוּטֶע זַאכְן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(תּוֹךְ הַנַּחַל וַיֵּשֶׁב תשס"ה, וְעוֹד)

>>>>>>

עֶס לִיגְט אִים נִישְׁט אִין דִי בֵּיינֶער אַז יֶעדֶער רִיר אוֹיף דֶער וֶועלְט קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן וֶוערְט עֶר זֵייעֶר טְרוֹיעֶרִיג פוּן דִי אַלֶע שְׁוֶועריִקֵייטְן, אוּן עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט קַיין הֲנָאָה אִין זַיין לֶעבְּן.

וֶוען אַ אִיד אִיז אָבֶּער שְׁטַארְק מִיט אֱמוּנָה, עֶר וֵוייסְט אוּן גְלֵייבְּט אַז קַיין שׁוּם זַאךְ פַּאסִירְט נִישְׁט פוּן זִיךְ אַלֵיין, יֶעדֶע זַאךְ הָאט אַ פּוּנְקְטְלִיכְן חֶשְׁבּוֹן פַארְוָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דָאס אַזוֹי גֶעמַאכְט, דַאן הָאט עֶר אַ פְרֵיילִיכֶע אוּן גְלִיקְלִיכֶע לֶעבְּן, עֶר וֵוייסְט אַז דִי שְׁוֶועריִקֵייטְן קוּמֶען אוֹיךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דָאס אִיז זִיכֶער פַאר זַיין טוֹבָה, אוּן עֶר בֶּעט שְׁטֶענְדִיג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל אִים הֶעלְפְן מִיט יֶעדְן פְּרָאבְּלֶעם, אוּן אַזוֹי קֶען עֶר זִיךְ שְׁטַארְקְן אַלֶעס אִיבֶּערְצוּקוּמֶען.

מִיט דֶעם וָואס דִי יְוָנִים הָאבְּן גֶעוָואלְט אוֹיסְרַייסְן דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה פוּן דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, הָאבְּן זֵיי מִיט דֶעם פַארְטוּנְקְלְט דִי אוֹיגְן פוּן דִי אִידְן. זֵיי הָאבְּן פַארְלוֹירְן זֵייעֶר גַאנְצֶע מוּט אוּן חֵשֶׁק, זֵייעֶר גַאנְצֶער מוּט אִין לֶעבְּן. בִּיז דִי הֵיילִיגֶע חַשְׁמוֹנָאִים הָאבְּן בַּאזִיגְט דִי יְוָנִים אוּן צוּרִיק אַיינְגֶעבַּאקְן דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה אִין דִי הֶערְצֶער פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

### שַׁבָּת מִילָה אוּן חוֹדֶשׁ

דִי יְוָנִים הָאבְּן זִיךְ סְפֶּעצִיעֶל פַארְלֵייגְט אוֹיף דִי דְרֵיי מִצְוֹת, אוֹיף שַׁבָּת, אוֹיף בְּרִית מִילָה, אוּן אוֹיף קִידּוּשׁ הַחוֹדֶשׁ. דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן דִי דְרֵיי מִצְוֹת "שַׁ'בָּת מִ'ילָה חֹ'ודֶשׁ", אִיז "שָׂמֵחַ". מִיט דֶעם וָואס אַ אִיד גְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר הִיט אַלֶע מִצְוֹת, וֶוערְט עֶר אַ פְרֵיילִיכֶער מֶענְטְשׁ. דָאס אִיז בַּיי יֶעדֶע מִצְוָה. אָבֶּער סְפֶּעצִיעֶל דִי דְרֵיי מִצְוֹת אִיז מֶער מְסוּגָל צוּ מַאכְן פְרֵיילִיךְ דֶעם מֶענְטְשׁ.

בַּיי שַׁבָּת זָאגְן דִי חֲזַ"ל (יַלְקוּט שִׁמְעוֹנִי בְּהַעֲלוֹתְךָ רֶמֶז תשכ"ה) "וּבְיוֹם שִׂמְחַתְכֶם - אֵלּוּ הַשַּׁבָּתוֹת" - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן דֶעם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַאר דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַלְס אַ גוּטֶע מַתָּנָה, אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ פְרֵייעֶן אוּן הֲנָאָה הָאבְּן פוּנֶעם הֵיילִיגְן שַׁבָּת.

בַּיי בְּרִית מִילָה זָאגְט דִי גְמָרָא (שַׁבָּת ק"ל.) אַז דִי מִצְוָה פוּן בְּרִית מִילָה הָאבְּן דִי אִידְן מְקַבֵּל גֶעוֶוען בְּשִׂמְחָה, אוּן זֵיי טוּעֶן עֶס נָאךְ בִּיז הַיינְט מִיט גְרוֹיס פְרֵייד, מֶען מַאכְט אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה אוּן מֶען פְרֵיידְט זִיךְ אַז מֶען הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מַאכְן אַ בְּרִית.

אוּן אוֹיף רֹאשׁ חוֹדֶשׁ זָאגְט דִי גְמָרָא (פְּסָחִים ע"ז.) אַז עֶס הֵייסְט אַ יוֹם טוֹב, וַוייל אַלֶע יָמִים טוֹבִים זֶענֶען דָאךְ אָנְגֶעהָאנְגֶען אוֹיף רֹאשׁ חוֹדֶשׁ. לוֹיט וֶוען עֶס אִיז רֹאשׁ חוֹדֶשׁ, לוֹיט דֶעם וֵוייסְט מֶען וֶוען עֶס אִיז אַלֶע יָמִים טוֹבִים. אוּן מִיר זֶעעֶן טַאקֶע וִוי אִידִישֶׁע קִינְדֶער טַאנְצְן אוּן פְרֵייעֶן זִיךְ בַּיי "קִידּוּשׁ לְבָנָה" יֶעדְן חוֹדֶשׁ.

זֶעעֶן מִיר פוּן דֶעם אַז דִי דְרֵיי מִצְוֹת זֶענֶען סְפֶּעצִיעֶל מְסוּגָל צוּ מַאכְן פְרֵיילִיךְ דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן דֶערִיבֶּער הָאבְּן זִיךְ דִי יְוָנִים דַוְקָא פַארְלֵייגְט אוֹיף דִי מִצְוֹת. זֵיי הָאבְּן נָאר גֶעוָואלְט אַז דִי אִידְן זָאלְן פַארְלִירְן זֵייעֶר שִׂמְחָה אוּן מוּט, זֵיי זָאלְן פַארְלִירְן זֵייעֶר הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה אוּן דוּרְךְ דֶעם פַארְלִירְן זֵייעֶר גַאנְצֶער חֵשֶׁק אִין לֶעבְּן. וַוייל וֶוען אַ אִיד לֶעבְּט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז עֶר דֶער גְלִיקְלִיכְסְטֶער אוּן פְרֵיילִיכְסְטֶער מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט.

דֶער הֵיילִיגֶער רְמָ"א הוֹיבְּט אָן דֶעם עֶרְשְׁטְן סְעִיף אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ מִיט דִי וֶוערְטֶער "שִׁוִּיתִי ה' לְנֶגְדִּי תָמִיד" אַז יֶעדֶער אִיד דַארְף הַאלְטְן פַאר דִי אוֹיגְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אִים שְׁטֶענְדִיג. אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רְמָ"א עֶנְדִיגְט דֶעם שֻׁלְחָן עָרוּךְ מִיט דִי וֶוערְטֶער "וְטוֹב לֵב מִשְׁתֶּה תָמִיד" אַז אִיד דַארְף שְׁטֶענְדִיג זַיין פְרֵיילִיךְ.

דִי צְוֵויי זַאכְן גֵייעֶן אִינְאֵיינֶעם הַאנְט בַּיי הַאנְט. וִוי אַזוֹי קֶען אַ אִיד זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ? עֶס גֵייט דָאךְ נִישְׁט אֵייבִּיג אַזוֹי וִוי עֶר וִויל, עֶר הָאט דָאךְ פִילֶע צָרוֹת אוּן יִסּוּרִים? וֶוען אַ אִיד גֶעדֶענְקְט אָבֶּער אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַלֶעמָאל מִיט אִים, עֶר גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן שְׁטֶענְדִיג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר גֶעדֶענְקְט אַז עֶר הָאט נִישְׁט קֵיינֶעם אוֹיף דֶער וֶועלְט אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן קֶען עֶר זַיין אֵייבִּיג פְרֵיילִיךְ.

### אוֹיף וָואס זָאל מֶען דִי עֶרְשְׁטֶע בֶּעטְן?

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן נ"ב) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ מַאכְט הִתְבּוֹדְדוּת, עֶר רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל פָּטוּר וֶוערְן פוּן אַלֶע זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדּוֹת, אוּן הָאבְּן נָאר גוּטֶע מִדּוֹת, דַארְף עֶר קוֹדֶם בֶּעטְן אוֹיף אֵיין מִדָּה אוּן אַרְבֶּעטְן נָאר אוֹיף דֶעם בִּיז עֶר וֶועט אִינְגַאנְצְן אוֹיסְאַרְבֶּעטְן דִי מִדָּה, אוּן דֶערְנָאךְ זָאל עֶר גֵיין צוּ דִי צְוֵוייטֶע אוּן צוּ דִי דְרִיטֶע אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

שְׁטֶעלְט זִיךְ אָבֶּער דִי שְׁאֵלָה, פוּן וואוּ הוֹיבְּט מֶען אָן? וֶוען מֶען אִיז אָנְגֶעפִילְט מִיט אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדּוֹת, אוֹיף וֶועלְכֶע מִדָּה זָאל מֶען דִי עֶרְשְׁטֶע בֶּעטְן?

דִי עֶרְשְׁטֶע מִדָּה אוֹיף וָואס מֶען דַארְף בֶּעטְן אִיז אוֹיף שִׂמְחָה, מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל שְׁטֶענְדִיג זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן קֵיינְמָאל נִישְׁט זַיין צוּגֶעלֵייגְט אוּן טְרוֹיעֶרִיג, וַוייל וֶוען מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ פַאלְט שׁוֹין מְמֵילָא אַוֶועק אַלֶע אַנְדֶערֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדּוֹת, וָואס קוּמֶען פוּן עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, אוּן מֶען בַּאקוּמְט אַלֶע גוּטֶע מִדּוֹת.

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעהַאט אַ תַּלְמִיד וָואס הָאט גֶעהֵייסְן רֶבִּי עוֹזֵר, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער עוֹבֵד ה', מִיט פוּלְסְטְן בְּרֶען אוּן עֶרְנְסְטְקֵייט, אוּן פוּן זַיין גְרוֹיסֶע עֲבוֹדָה הָאט עֶר קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שְׁמֵייכְל אוֹיפְ'ן פָּנִים, עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג גֶעוֶוען צוּגֶעלֵייגְט, הָאט אִים רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט זָאגְן אוֹיף דִיר עוֹזֵר אַז דוּ בִּיזְט פְּרוּם (עֶרְנְסְט), אִיךְ הָאבּ אָבֶּער נִישְׁט אַזוֹי מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן רֶבִּי'ן, דֶער עִיקָּר אִיז צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן פְרוּם אוֹיךְ". דָאס מֵיינְט אַז דֶער עִיקָּר דַארְף מֶען זִיךְ פַארְלֵייגְן אוֹיף שִׂמְחָה, שְׁטֶענְדִיג זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אוּן זַיין פְרֵיילִיךְ.

צִי עֶס גֵייט גוּט אָדֶער שְׁלֶעכְט, וֶועט דֶער טָאג סַיי וִוי אַרִיבֶּער גֵיין. מְמֵילָא פַארְוָואס זָאל מֶען נִישְׁט זַיין פְרֵיילִיךְ אִינֶעם טָאג? חֲזַ"ל זָאגְן (תַּנְחוּמָא, שְׁמִינִי) "אֵין הַשִּׂמְחָה מַתְּנַת לָאָדָם, לֹא כָּל מִי שֶׁשָּׂמֵחַ הַיּוֹם שָׂמֵחַ לְמָחָר", אוּן דָאס אִיז זֵייעֶר אַ וִויכְטִיגֶע זַאךְ צוּ גֶעדֶענְקְן, וַוייל גֶעוֶוענְלִיךְ וֶוען עֶס קוּמְט אַ שְׁוֶוערֶע טָאג, זַאכְן גֵייעֶן נִישְׁט אַזוֹי וִוי מֶען

<<<<<<

<<<<<<
ווייל, איז זייער שווער צו זיין פרייליך, און מען טראכט "מארגן וועט זיין א בעסערע טאג, מארגן וועל איך זיין פרייליך". דערפאר זאגן אונז די חז"ל: ווארט נישט אויף מארגן צו זיין פרייליך, ווייל ווי אזוי ווייסטו וואס מארגן וועט זיין? פרוביר צו זיין היינט פרייליך, נישט קיין חילוק ווי אזוי די מצב איז, און דאס וועט מאכן אז דו זאלסט מצליח זיין מיט אלעס, ווייל ווען א מענטש איז פרייליך איז ער מצליח.

די בחירה ליגט אין די הענט פונעם מענטש, ווי אזוי ער זאל אננעמען זיין לעבן, ווי דער פסוק זאגט "ראה אנכי נותן לפניכם 'היום' ברכה וקללה" - דער אייבערשטער גיבט פאר'ן מענטש א מתנה א 'טאג', און ער קען מיט דעם מאכן א ברכה אדער א קללה, פרייליך אדער טרויעריג, מען קען אננעמען דעם טאג גוט, קוקן נאר אויף די גוטע חלקים וואס מען האט און זיך פרייען מיט דעם, און מען קען אלעס אננעמען שלעכט, און זיין טרויעריג, און דער אייבערשטער זאגט: "ובחרת בחיים", וועל אויס דאס לעבן, צו זיין פרייליך און צופרידן, דעמאלט וועסטו האבן אלעס גוטס.

וואויל איז דעם וואס איז זוכה אריינצונעמען אין זיך די הייליגע אמונה, שטענדיג צו געדענקען אז אלעס פירט נאר דער אייבערשטער, און דאן וועט ער אייביג זיין פרייליך, און ער וועט האבן א גליקליך לעבן אויף די וועלט און אויף יענע וועלט.

(תוך הנחל מקץ תשנ"ט, שיחות מוהרא"ש חלק י"ג ערך וטוב לב משתה תמיד, וחלק י' ערך שמחה)

## די לעבנסגעשיכטע פון הייליגן רבי'ן (פז)

**אין קורצן פון פריער: דער רבי דערציילט א מעשה פון א תלמיד פון הייליגן בעל שם טוב זי"ע וואס איז זייער קראנק, ער שיקט א שליח צו זיין רבי'ן אים צו רופן. אויפ'ן וועג פרעגט דער שליח פון הייליגן בעל שם טוב זי"ע אז ער האט דאך געהערט פון אים אליין אז ווען א מענטש טוט אמת'דיג תשובה, וועט ער זיכער נישט שטארבן פאר די צייט.**

האט אים דער הייליגער בעל שם טוב זי"ע געענטפערט, "ס'איז אמת, איך האב טאקע אזוי געזאגט און ס'איז טאקע אזוי. און ס'איז אויך אמת אז דער קראנקער האט אמת'דיג תשובה געטון אויף אלע זיינע עבירות, און די סיבה פארוואס ער איז נאכנישט אויסגעהיילט געווארן איז ווייל ער האט זיך נאכנישט מתודה געווען פאר אן אמת'ער צדיק. און דערפאר פאר איך טאקע יעצט צו אים, אז ער זאל זיך מתודה זיין. אויב וועט ער זיך מתודה זיין פאר מיר, וועט ער גלייך אויסגעהיילט ווערן, אויב אבער וועט ער זיך נישט וועלן מתודה זיין פאר מיר, וועט גלייך פארערגערט ווערן זיין מצב, ער וועט אנגעהויבן שרייען מיט גרויס ווייטאג אויף אלע זיינע גלידער, אויף זיינע הענט און פיס, און ער וועט שטארבן. ווייל באמת אויף יענע וועלט, ביים בית דין של מעלה, איז שוין נישט דא קיין שום עבירות אויף אים, ווייל ער האט באמת אינגאנצן תשובה געטון אויף אלע זיינע עבירות אזוי ווי ס'דארף צו זיין, און נאך זיין הסתלקות וועלן די קליפות און חיצונים נישט האבן קיין שום שליטה אויף אים, ווייל ער האט שוין אלעס פארראכטן וואס ער האט פוגם געווען. און אויב וועט ער זיך מתודה זיין פאר מיר וועט ער גלייך אויסגעהיילט ווערן, אבער אויב נישט האב די חיצונים נאך א כח נקמה צו נעמען אין אים אויף די וועלט, אויף זיין גאנצן קערפער און זיין איברים, ביז ער וועט שטארבן".

אזוי איז טאקע געווען, ווען דער בעל שם טוב זי"ע איז אנגעקומען צו אים האט ער געזאגט צום קראנקען, "זאג וואס דו ווייסט, און דער אייבערשטער ווייסט, און איך ווייס אויך", דאס הייסט אז ער זאל זיך מתודה זיין אויף אלע זיינע עבירות. ער האט אים דאס איבערגעזאגט דריי מאל, יענער האט אבער זיך נישט געוואלט מתודה זיין, און ער האט גלייך אנגעהויבן שרייען, "אוי, אוי, אוי וויי" צוליב די שרעקליכע יסורים אויף זיינע גלידער, ער האט ביטערליך געשריבן באזונדער אויף די ווייטאג פון יעדע איבר, ווייל ס'האבן זיך אים אנגעהויבן ברעכן די ביינער פון אלע איברים, און אזוי האט ער געשריגן א שטיק צייט, ביז ער איז נפטר געווארן. אזוי ווי דער בעל שם טוב זי"ע האט געזאגט.

**שנט**

נאך די מעשה האט דער רבי געזאגט די תורה "אנכי" (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן ד'), וואס דארט רעדט דער רבי פון דעם ענין פון ווידוי דברים

<<<<<<



# שאלות ותשובות ברסלב

## וויפיל שכל אין לעבן באקומט מען פון די שיעורים?

*שאלה:*

**לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,**

איך האב אויסגעהערט דעם שיעור פונעם ראש ישיבה פון דאנערשטאג נאכט פרשת חיי שרה תשפ"א, און עס האט מיר ממש באנומען די ביינער, כאטש וואס איך ברענג נישט אריין אין שטוב קיין סמארטפאון און אלע אנדערע כלים וואס איך נוץ פאר ביזנעס וואס איז פארבינדען מיט'ן אינטערנעט, ברוך ה' איך האב א ריינע שטוב בזכות דעם ראש ישיבה, דאך האט מיר זייער באנומען צוויי נקודות.

איינס אז יעדער קען זאגן אכצן פרקים משניות א טאג, מ'דארף נאר אויפגעבן די סטאטוס וכו'. נאכ'ן שיעור האב איך אויסגעמעקט איבער דרייסיג קאנטאקטס וואס לייגן כסדר סטאטוס, איך האב זיך געמאכט א חשבון אז פון די אלע לייגן אן ערך פון צען סטאטוסן א טאג, דאס איז 300 סטאטוסן, וואס לויט דעם קומט אויס אז 150 מינוט א טאג גייט פאר די שטותים, (א געווענליכע סטאטוס איז לאנג 30 סעקונדן). דערנאך האב איך פארלאזט אריבער 40 וואטסעפפ גרופס, אפאר פון נייעס, אפאר פון סתם לצנות, אפאר פון היימישע לשון הרע און פאליטיק, און אזוי ווייטער. און ברוך ה' היינט פרייטאג האב איך געלערנט 32 פרקים משניות. איך בעט דער ראש ישיבה זאל מער און מער רעדן דערפון ביי די דאנערשטאג נאכט שיעורים.

צווייטנס האט מיר באנומען דער ענין פון אויסהערן א ווייב אפילו ווען מ'האט נישט קיין עצה ווי אזוי איר צו העלפן, נאר סתם אויסהערן, און אז נישט וועט זי טרעפן א צווייטער מענטש וואס וועט איר אויסהערן.

בכלל איז די גאנצע שיעור איז געווען ממש א שטיק שכל און לעבן. איך וויל זיך באדאנקען פאר'ן ראש ישיבה פאר אלעס, און איך דאנק דעם אייבערשטן אז איך האב די שכל אויסצוהערן די דרשות וואס זענען די איינציגסטע אין דעם דור וואס רעדט צום זאך וואס מ'דארף וויסן אין לעבן, נישט סתם גערעדט אין די וועלט אריין.

יישר כח

*תשובה:*

**בעזרת ה' יתברך**

יום א' פרשת וישב, כ' כסליו, שנת תשפ"א לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

וואס זאל איך דיר זאגן? ווען מען ווערט מקורב צום רבי'ן עפנט זיך א נייע וועלט, מען באקומט א ישוב הדעת, מען קען שוין נישט אוועקגעבן די צייט פאר די סארט זאכן.

דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב', סימן י): "מה שהעולם רחוקים מהשם יתברך, ואינם מתקרבים אליו יתברך, הוא רק מחמת שאין להם ישוב הדעת, ואינם מישבין עצמן", פארוואס זענען מענטשן אזוי געפאלן ביי זיך און זענען נישט נאנט צום אייבערשטן? ווייל מען האט נישט קיין ישוב הדעת - מען טראכט נישט פון תכלית; ווען מען זאל אריינקלערן וואס וועט בלייבן פון די אלע נארישקייטן, פון קוקן קליפ"ס, סטעטו"ס וכדומה - וואלט מען זיך געשעמט צו האבן די אלע זאכן.

ווען מען הערט די זיסע עצות פון רבי'ן - ווערט אויס בחירה, מען ווערט גלייך צוגעקלעבט צום אייבערשטן. דער רבי האט געזאגט (חיי מוהר"ן, סימן שמ): "זיי זאלן מיר הערן איין תורה מיט דעם ניגון און מיט'ן טאנץ, וואלט די גאנצע וועלט אויסגעגאנגען"; ווייל ווער עס הערט דעם רבינ'ס ווערטער, זיינע עצות און התחזקות - ווערט אן ערליכער איד און הייבט אן בענקען צום אייבערשטן, ווען מען האט א ליידיגע מינוט נוצט מען דאס אויס פאר גוטע זאכן, מען כאפט אריין אביסל תורה, אביסל תפילה און מצוות און מעשים טובים.

אזוי אויך אין שלום בית; פאר מען ווערט מקורב צום רבי'ן ווייסט מען נישט דאס חשיבות פון לעבן בשלום מאן און ווייב, מען מיינט אז דאס איז נישט עבודת השם, אבער דער רבי לערנט אונז אנדערש, דער רבי לערנט אונז מיר זאלן מכבד זיין די ווייב. ביים רבי'ן איז געווען א יסוד היסודות שלום בית (עיין שיחות הר"ן, סימן רסג-רסד); מען האט נישט געקענט קומען צום רבי'ן אויב מען איז זיך נישט אויסגעקומען מיט די ווייב. ביים רבי'ן איז געווען דער עיקר - קדושת הברית, מען זאל האבן א ריינעם מח; אויב האט מען שלום בית, מען לעבט באהבה ואחוה וכו' - דעמאלט האט דער מענטש ריינע מחשבות און ער קען דינען דעם אייבערשטן אזוי ווי עס דארף צו זיין, אבער אז מען קריגט זיך מיט די ווייב איז מען נישט אפגעהיטן, מען קען נישט זיין קיין ערליכער איד.

מיר טארן נישט האלטן די אלע לימודים נאר פאר אונז, מיר דארפן דאס פארשפרייטן פאר די גאנצע וועלט; נישט נאר מיר זאלן וויסן ווי אזוי צו לעבן, ווי אזוי אומצוגיין מיט א ווייב, נאר אלע זאלן וויסן דאס גרויסקייט פון שלום בית און דאס וויכטיגקייט דערפון, מיר דארפן דאס פארשפרייטן פאר די גאנצע וועלט. וואויל איז דעם וואס גייט הפצה.

**דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.**

(עצתו אמונה וישב תשפ"א)



**נאך פילע בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א אין אלע נושאים,**
**קען מען לייענען אינעם וועכנטליכן קונטרס "עצתו אמונה"**
**צו באקומען אין ישיבה, אדער רופט 3# 718-387-2691**

BreslevCenter.com\answers

>>>>>>
פַּאר אַ תַּלְמִיד חָכָם.

פוּן דֶעמָאלְט הָאט דִי וֶועלְט אָנְגֶעהוֹיבְּן רוּפְן דֶעם רֶבִּינְ'ס מֶענְטְשְׁן מִיט דֶעם צוּנָאמֶען, "דִי וִידוּי'נִיקֶעס".

### שס

דֶעמָאלְט, נָאךְ שָׁבוּעוֹת, אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן דֶער אֵיידֶעם פוּנֶעם מַגִיד פוּן טִירְהָאוִויצֶע זי"ע, דֶער צַדִיק ר' יִצְחָק. עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ מֶשְׁלָם אִין אַלֶע מַעֲלוֹת, אַ גְרוֹיסֶער לַמְדָן, אוּן גָאר אַ גְרוֹיסֶער עוֹבֵד ה', עֶר הָאט גֶעדַאוֶוענְט מִיט גְרוֹיס כַּוָונָה.

עֶר אִיז אוֹיפְגֶעצוֹיגְן גֶעוָוארְן אִין שְׁטוּב פוּן הֵיילִיגְן צַדִיק דֶער רֶבִּי ר' זוּשָׁא פוּן הַאנִיפָּאלִי זי"ע, דֶער תַּלְמִיד פוּן הֵיילִיגְן מַגִיד פוּן מֶעזְרִיטְשׁ זי"ע. אוּן פַּאר זַיין הִסְתַּלְקוּת אִיז ר' יִצְחָק צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ אִים אוּן גֶעפְרֶעגְט, "צוּ וֶועלְכְן צַדִיק זָאל אִיךְ גֵיין נָאכְדֶעם וָואס אִיר גֵייט אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט?", הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט, "צוּ דֶעם צַדִיק וָואס וֶועט עוֹסֵק זַיין אִין וִידוּי דְבָרִים, דָאס הֵייסְט אַז עֶר וֶועט זָאגְן פַּאר זַיינֶע מֶענְטְשְׁן זִיךְ מִתְוַודֶה צוּ זַיין פַּאר אִים, אוּן עֶר וֶועט זֵיי גֶעבְן תִּיקוּנִים אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ".

פוּן דֶעמָאלְט הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן זוּכְן אַזַא צַדִיק וָואס הֵייסְט זַיינֶע מֶענְטְשְׁן זִיךְ מִתְוַודֶה זַיין פַּאר אִים, עֶר הָאט אָבֶער נִישְׁט גֶעטְרָאפְן.

### שסא

אַזוֹי וִוי זַיין שְׁוֶוער, דֶער מַגִיד פוּן טִירְהָאוִויצֶע זי"ע, אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר דָבוּק אוּן מְקוּשָׁר צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע שְׁטַארְקֶע לִיבְּשַׁאפְט, דֶערְפַאר פְלֶעגְט עֶר אַלֶץ מְחַזֵק זַיין אוּן מְעוֹרֵר זַיין אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן אַז זֵיי זָאלְן פָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. עֶר פְלֶעגְט אוֹיךְ בֶּעטְן זַיין אֵיידֶעם צוּ גֵיין צוּם רֶבִּי'ן, עֶר הָאט אָבֶער נִישְׁט גֶעוָואלְט. וֶוען עֶס אִיז אָבֶער גֶעקוּמֶען נָאךְ שָׁבוּעוֹת הָאט עֶר גֶעהֶערְט וִוי מְ'רוּפְט דֶעם רֶבִּינְ'ס מֶענְטְשְׁן מִיטְ'ן שְׁפֶּעט נָאמֶען "דִי וִידוּי'נִיקֶעס", הָאט עֶר זִיךְ דַאן דֶערְמַאנְט וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' זוּשָׁא הָאט אִים בַּאפוֹילְן עֶר זָאל גֵיין צוּ אַזַא צַדִיק וואוּ מְ'מַאכְט וִידוּי דְבָרִים, דֶערִיבֶּער אִיז עֶר אַלֵיין נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן צוּ פָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

עֶר אִיז גֶעפָארְן קַיין זְלַאטִיפָּאלֶע, אוּן עֶר הָאט גֶעזֶען וִוי מֶענְטְשְׁן קוּמֶען אַרוֹיס פוּן רֶבִּינְ'ס שְׁטוּב מִיט טְרֶערְן אוֹיף דִי בַּאקְן פוּן דִי וִידוּי דְבָרִים וָואס זֵיי הָאבְּן זִיךְ מִתְוַודֶה גֶעוֶוען פַּארְ'ן רֶבִּי'ן. אוּן עֶר אִיז דֶערְוַוייל אַרַיין אִין שׁוּל אוּן דָארְט גֶעוַוארְט.

סְ'אִיז גֶעוֶוען דַאן אִין שׁוּל אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן, דֶער רֶבִּי אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אוּן גֶעוִוינְקֶען פַּאר דִי מֶענְטְשְׁן אַרוֹיסְצוּגֵיין. יֶעדֶער הָאט אוֹיסְגֶעטוּן דִי טַלִית אוּן תְּפִלִין אוּן אִיז אַרוֹיס, ר' יִצְחָק הָאט אוֹיךְ גֶעוָואלְט אַרוֹיסְגֵיין, אָבֶער דֶער רֶבִּי הָאט אָנְגֶעכַאפְּט דִי קְלַאמְקֶע אוּן פַארְשְׁפַּארְט דִי טִיר, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן אִין שׁוּל נָאר דֶער רֶבִּי מִיט ר' יִצְחָק.

דֶער רֶבִּי הָאט דַאן פַארְרֵייכֶערְט אַ לוּלְקֶע אוּן הָאט זִיךְ גֶעדְרֵייט אִין שׁוּל אַרוֹיף אוּן אַרָאפּ. עֶס אִיז גֶעפַאלְן אוֹיף ר' יִצְחָק גָאר אַ גְרוֹיסֶער פַּחַד, עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן דֶערְמַאנֶען אַלֶעס וָואס אִיז אַרִיבֶּער אוֹיף אִים פוּן זַיין יוּגְנְט בִּיז יֶענֶעם טָאג. דֶער רֶבִּי אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ אִים אוּן גֶעזָאגְט, "הַיינְט זָאג!", אוּן עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן מִתְוַודֶה זַיין דֶעם גַאנְצְן הַארְץ, עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט פַּארְ'ן רֶבִּי'ן אַלֶעס וָואס עֶר אִיז אַרִיבֶּער אִין לֶעבְּן. דֶער רֶבִּי הָאט דַאן גֶערֶעדְט מִיט אִים וָואס עֶר הָאט גֶערֶעדְט, אוּן פוּן דֶעמָאלְט הָאבְּן זִיךְ זַיינֶע אוֹיגְן גֶעעֶפְנְט, עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁפִּירְן דֶעם זִיסְן טַעַם פוּנֶעם אוֹר הַגָנוּז, עֶר אִיז גֶעוָוארְן מְקוּרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן מִיט אַ שְׁטַארְקֵייט, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זַיין גַאנְץ לֶעבְּן מִיט אַ בְּרֶען, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעלֶערְנְט.

### שסב

נִישְׁט לַאנְג נָאכְדֶעם וָואס ר' יִצְחָק, דֶער אֵיידֶעם פוּנֶעם מַגִיד פוּן טִירְהָאוִויצֶע זי"ע, אִיז נִתְקָרֵב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'ן, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט דִי תּוֹרָה "אוֹר הַגָּנוּז" (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ט"ו).

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַדִיק"

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'
# דער ראש ישיבה שליט"א
# באזוכט אין לעיקוואד

דעם פארגאנגענעם וואך האט דער ראש ישיבה שליט"א אפגעשטאט א באזוך אין לעיקוואד, צו די קביעת מזוזות אין שטוב פון מו"ה ישעי' בערגער הי"ו. דערנאך איז געווען דארט א לחיים, וואו עס זענען זיך צוזאמגעקומען קרובים וידידים, און דער ראש ישיבה שליט"א האט געגעבן א שמועס פאר די פארזאמלטע.

צווישן עולם האט זיך אויך געפונען א גרופע בחורים פון די נייע ישיבה "עצתו אמונה" אין לעיקוואד, די בחורים האבן זיך צוזאמגענומען און געגרינדעט א ישיבה וואס זאל זיך פירן אויפ'ן רבינ'ס וועג. די בחורים לערנען יעדן טאג א בלאט גמרא, א שיעור הלכה, און שיעורים כסדרן אויפ'ן סדר דרך הלימוד פון הייליגן רבי'ן, זיי הערן יעדן טאג די רעקארדירטע שיעורים פון ראש ישיבה שליט"א, און זענען זיך מחזק אינאיינעם מיט'ן הייליגן רבינ'ס דיבורים.

דער ראש ישיבה שליט"א האט אויסגעפרעגט די פרטים איבער די נייע ישיבה, און זיי מחזק געווען ווייטער אנצוגיין און דינען דעם אייבערשטן מיט שמחה און ברען.

ביים שיעור דעם פארגאנגענעם דינסטאג וישלח האט דער ראש ישיבה שליט"א אסאך ארומגערעדט איבער דעם, אזוי ווי ס'זענען דא אזויפיל בחורים איבער די וועלט וואס ווילן קומען לערנען אין ישיבה אבער זיי האבן נישט די מעגליכקייט דערצו, האט דער ראש ישיבה געזאגט אז ער גרינדעט א נייע ישיבה "עצתו אמונה", ס'קאסט נישט קיין שכר לימוד, מ'דארף נישט פארן אין ערגעץ, מ'קען בלייבן אין סיי וועלכע ישיבה מען איז, נאר לערנען די בריוו פון עצתו אמונה, הערן די שיעורים, און פרובירן צו פאלגן די עצות פון הייליגן רבי'ן, און דאס איז פונקט ווי מ'לערנט אין ישיבה. קיינער דארף נישט וויסן פון דעם, מ'קען ווייטער אנגיין מיט'ן סדר היום פונקט ווי פריער, נאר אריינעמען דעם אייבערשטן אין בילד, מיט די אלע לימודים פון הייליגן רבי'ן. עס איז נישט קיין חילוק וואו מ'וואוינט, נישט קיין חילוק וואו מ'געפונט זיך, אויב א איד נעמט די עצות פון הייליגן רבי'ן און שטארקט זיך מיט דעם, וועט ער האבן א גליקליך לעבן בזה ובבא.

**והיה אמונת עתיך חוסן ישועת חכמת ודעת!**

***

# בחורים פרייען זיך ביי צוויי
# חתונות פון תלמידי הישיבה

די וואך זענען פארגעקומען צוויי חתונות פון תלמידים פון ישיבה. דעם זונטאג איז געגאנגען אונטער די חופה החתן יואל משה מייזעלס ב"ר אברהם נחמן הי"ו עב"ג בת מו"ה שמואל לייב פעלבערבוים הי"ו, און מיטוואך איז פארגעקומען די חתונה פון החתן משה זוסמאן ב"ר ישראל מרדכי הי"ו עב"ג בת מו"ה בערל בערקאוויטש הי"ו. בייביידע חתונות האבן די בחורים זיך משתתף געווען און משמח געווען אויף א שיינעם פארנעם.

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זוכה זיין אויפצושטעלן ערליכע אידישע שטיבער, ס'זאל זיין א בנין עדי עד, מיט דורות ישרים ומבורכים.

**שמח תשמח רעים האהובים!**


**על הטוב יזכרו המנדבים להפצת הגליון**

**Broadway Environmental Group**

Asbestos Services

**347-627-2048 service@broadwayenv.com**

**Serving the 5 boroughs**


## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **יואל משה מייזעלס** הי"ו
צו זיין שמחת החתונה עב"ג למזל טוב

***

מו"ה **משה זוסמאן** הי"ו
צו זיין שמחת החתונה עב"ג למזל טוב


## לאמיר צינדען ליכטעלעך

**וואס האט חנוכה מיט מיר? קען איך אויך שפירן א טעם אין צינדען די הייליגע חנוכה ליכט? וויאזוי נוצט מען אויס דעם הייליגן יו"ט?**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 2, 1, 7, 1, 52**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים



**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**